פערזענלעכקייט. איז גאַנץ קאָנווענציאָנעל, פלאַך, שאַבלאָניש, אָן אַ לעבעדיקן אָטעם, באַווירקט פון פרעמדע מוסטערן, וועלכע האָבן שלעכט געדינט דעם דאָזיקן בוך".

# אויך בעת א שמחה דארף מען נישט פארגעסן!

צום 40 יאָריקן יובל פון דער בוענאָס איירעסער „די פרעסע" האָט יעקב באָטאָשאַנסקי פאַרעפנטלעכט אויף 2 זײַטן פון דער צייטונג אַן איבערבליק איבער דער יידישער ליטעראַטור אין די לעצטע 40 יאָר. אַ וויכטיקע, אַ נוצלעכע אַרבעט. אָבער ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? ווען זי ווערט געמאַכט שלמותדיק, לפחות פון אינפאָרמאַציע־שטאַנד־פונקט. י. ב. איז זיכער איינער פון די באַרופענע צו טוען אַזאַ אַרבעט. ער טוט עס טאָגטעגלעך. ער שרייבט וועגן אַלע ניי־דערשינענע ביכער. ער האָט עטלעכע ביכער מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן דער יידישער ליטע־ראַטור, ער איז אַן אייגענער, אַן אינעווייניקסטער אויף דעם געביט. מ'דאַרף אים נישט איינמאָל דערלאַנגען אַ בוקעט מיט קאָמפּלימענטן — פאַר זיין אַלזייטיקייט — אויף אַלע פען־געביטן. פאַר זיין בריהשאַפט. און בריהשאַפט אין דעם פאַל מיינט דאָך אויך — טאַלאַנט, חכמה, קענטשאַפט. זי מוז אָבער זיין אין אַזאַ פאַל אויך פול־אחריותדיק.

אין זיין לויפיקן איבערבליק איבער 40 יאָר יידישער ליטעראַטור, ווען ער דערמאַנט די יידישע שרייבער אין ישראל, דערמאָנט ער אַ קנאַפּן טוץ פון זיי, אָבער ער דערמאָנט נישט אַזעלכע נעמען ווי: יעקב פרידמאַן, ק. צעטניק, ישעיה שפיגעל, יחיאל האָפער. צווישן די פּאָעטן פון ישראל וועלכע ער דערמאַנט יאָ — איז פאַראַן — מירן אים אָנרופן איקס, אַ דיכטער וועלכער האָט צופע־ליק אָפּגעדרוקט עטלעכע צווייפלהאַפטע לידער. אַזאַ שרייבער ווי באָטאָ־שאַנסקי דאַרף נישט בלויז טראַכטן מיט די קאַטעגאָריעס פון צייטונגס־פּאָפּולאַריטעט, אָדער פּאָזיציע־פּאָפּולאַריטעט. אויב דער נאָמען יעקב פרידמאַן (איינער פון אונזערע פיינסטע פּאָעטן) וואַרפט זיך נישט אַזוי אין די אויגן, דערמאָנט מען אים שוין נישט, פאַרגעסט מען אין אים. דאָס זעלבע איז נוגע אַזעלכע וואָגיקע שרייבער ווי ק. צעטניק, י. האָפער, י. שפיגעל.

אַ נישט־פּינקטלעכע אינפאָרמאַציע איז ערגער ווי בכלל נישט אינ־פאָרמירן. און אויך בעת דער שמחה לכבוד „די פרעסע" האָט מען באַדאַרפט ערנסט אין דעם געדענקען! מ.